# **פרשת דברים – ואתחנן ג׳ – ט״ז אב תשע״ח לפ״ק**

***יום ראשון פרשת דברים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **חיים יעקב גלויבער** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***יום שני פרשת דברים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **יוחנן הערצאג** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***יום רביעי פרשת דברים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **שמואל מאיר פשערהאפער** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***יום חמישי פרשת דברים***

אחר מעריב עבר **רבינו שליט״א** לבית המדרש של הישיבה קטנה, והשמיע דברי חיזוק והתעוררות לתלמידי ישיבת נייטרא (וומסב״ג), שהגיעו ללמוד בהיכל הבית המדרש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויס פארגעניגען זיך צו טרעפן מיט די בחורים וואס זיצען באהלה של תורה אין אזא חשוב׳ען מקום, וואו דער חשוב׳ער ראש ישיבה לייגט אריין אזויפיל כוחות אין די בחורים. אין הארץ בין איך זייער נאנט צו די ישיבה, ווייל אין מיינע יונגע יארן האב איך אויך געלערנט אין נייטרא. מיינע שענסטע יארן וואס איך האב געהאט אין לעבן, בין איך געזעסן אין די ישיבה אין נייטרא. און איך בין מכיר טובה אויף די אלע יארן וואס איך בין געווען דארט. עס איז שמכם הולך לפניכם, בחורים וואס זיצען און לערנען פלייסיג, מען איז זיך מייגע אויף תורה, און סוף הכבוד לבוא. עס איז שווער אין די יונגע יארן, עס איז שווער זיך צו פלאגן ביז מען פארשטייט וואס מען לערנט, און צו חזר׳ן וואס מען לערנט, אבער קיינער האט נאכנישט דערלייגט דערויף. סוף כל סוף ווען מען וואקסט אויס שפעטער א תלמיד חכם און א ערליכער יוד, איז מען גליקלעך אויף די צייט וואס מען האט זיך געפלאגט אויף תורה.

**עס** איז מיר היינט איינגעפאלען א געדאנק, און איך האב געטראכט אז איך וועל עס איבערזאגן פאר די בחורים. **מען ווייסט, אז נישט יעדער איינער איז זוכה שפעטער אויסצוואקסען, אז די וועלט זאל נהנה זיין פון זיין תורה. עס זענען דא אסאך תלמידי חכמים, בחורים וואס זענען געזעסן און געלערנט, יונגעלייט אין כולל וכדומה, און זיי זענען אפילו גרויסע תלמידי חכמים, אבער אז די וועלט זאל הנאה האבן פון זייער תורה, זיי זאלן אויסוואקסען מרביצי תורה, איז נישט יעדער זוכה. אסאך מאל מיינט מען, אז די עילויים, די וואס האבן געהאט גוטע קעפ אין ישיבה, די זענען שפעטער אויסגעוואקסען די גדולי ישראל. און די שוואכערע, וואס האבן זיך געפלאגט אויף יעדן תוספות, די זענען געבליבן צוריקגעשטאנען. במציאות שטעלט זיך עס אויס פארקערט. פון די עילויים האט די וועלט ווייניג הנאה געהאט, זיי האבן געהאט גרויסע קעפ, און זיי זענען געבליבן עילויים. אבער פון די בינונים, פון די וואס האבן זיך געפלאגט אויף לערנען, און זיי האבן זיך געמוטשעט אויף תורה, די זענען, על פי רוב, אויסגעוואקסען די מרביצי תורה.** כדי אויסצוואקסען אז מען זאל שפעטער קענען הנאה האבן פון זיין תורה, איז דא אסאך אינגרידיענט״ס וואס דארפן זיך צוזאמקומען, כדי עס זאל פאסירן.

**מען** געפונט ביי משה רבינו, אז נאך די פרשה וואס די בנות צלפחד האבן געבעטן זייער חלק אין די ירושה, האט משה רבינו געטראכט, אז ער דארף אויך טראכטען פאר זיך, ווער וועט איבערנעמען זיין פלאץ. ער האט געטראכט אז איינע פון זיינע קינדער זאל איבערנעמען. און אז משה רבינו האט געטראכט אויף איינע פון זיינע קינדער, איז דער טייטש אז זיי זענען באמת געווען תלמידי חכמים, און זיי זענען באמת געווען ראוי אז זיי זאלן קענען איבערנעמען דעם פלאץ פון משה רבינו. משה רבינו האט נישט אינזין געהאט, ווי היינט, אז א קינד קומט פריער וכדומה, אז משה רבינו האט עס אינזין געהאט, איז עס געווען צוגעפאסט פארן כלל ישראל. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, ניין, נישט דיינע קינדער וועלן איבערנעמען, נאר דיין תלמיד יהושע ער וועט איבערנעמען דיין פלאץ. ונתת מהודך עליו (במדבר כז-כ), דו זאלסט איבערגעבן פון דיין שיין פאר יהושע. משה רבינו האט אזוי געטון, ער האט אים מסמיך געווען בעין יפה, מיט א גוט אויג, ער האט ארויפגעלייגטביידע הענט אויף יהושע. און יהושע האט שפעטער איבערגענומען די הנהגה פון משה רבינו, משה קבל תורה מסיני, ומסרה ליהושע (אבות א-א).

**די** גמרא (בבא בתרא עה.) דרשנ'ט, 'מהודך', ולא כל הודך. יהושע איז טאקע געווען זייער גרויס, אבער נישט די זעלבע גרויסקייט ווי משה רבינו. מהודך, ער האט נאר געהאט א חלק פונעם הוד, ולא כל הודך, און נישט דעם גאנצן הוד. זקנים שבדור היו אומרים, די זקנים וואס זענען געווען אינעם דור פון יהושע, ווען זיי האבן אנגעקוקט דעם פריערדיגן רבי, משה רבינו, און זיי האבן אנגעקוקט שפעטער יהושע, האבן זיי געזאגט, פני משה כפני חמה, משה רבינו האט זיין פנים געשיינט אזוי ווי די זון, ופני יהושע כפני לבנה, יהושע האט שוין נישט די זעלבע שיין ווי משה רבינו, ער איז נאר אזוי ווי די לבנה. אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה, ווייל איז פאר די בושה וכלימה, פאר דעם שאנד. פשוט לערנט מען, קוקטס אן די חילוק, אז יהושע האט נישט געקענט צוקומען צו דעם וואס משה רבינו איז געווען. עס איז אזוי גרויס די מרחק צווישן זיי צוויי, אזוי ווי די חמה פון די לבנה.

**די** מפרשים פרעגן, צו האבן א פני לבנה, איז גאנץ א שיינע מדריגה. מיר האבן נאכנישט געזעהן נאכדעם, אז עס זאל זיין איינער פון די מנהיגי ישראל וואס זאל האבן א פנים ווי די לבנה. פארוואס זאגט מען, אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה, עס איז א בושה אז יהושע איז נישט אזוי ווי משה רבינו. משה רבינו איז לא קם נביא עוד בישראל כמשה (דברים לד-י), איז ער נישט אזוי ווי משה, אבער עס איז נאכנישט א בושה אז מען איז כפני לבנה.

**דער** פשט דערפון איז, זיי האבן נישט געזאגט אויף יהושע אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה, זיי האבן עס געזאגט אויף זיך אליין. די זקנים שבדור זענען דאך אויך געווען געוואלדיגע תלמידי חכמים, פון די חשוב'סטע וואס איז געווען דעמאלטס אין כלל ישראל. און ווען זיי האבן געזעהן אז יהושע האט איבערגענומען משה רבינו'ס פלאץ, און זיי האבן געהאלטן אז זיי זענען אויך אין אזא מדריגה ווי יהושע, און אפשר נאך מער פון יהושע, און זיי האבן נישט זוכה געווען דערצו, נאר מען האט עס איבערגעגעבן פאר יהושע. האבן זיי געזאגט אויף זיך, אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה, ווייל איז פאר אונזער בושה, אז מיר זענען נישט צוגעקומען אז מיר זאלן קענען האבן דעם פלאץ וואס יהושע האט. יהושע, כאטש ער איז נישט געווען אזוי גרויס ווי די זקנים, אבער ער האט זוכה געווען, אז ער איז געווארן דער רבי פון כלל ישראל, נאך משה רבינו.

**עס** שטייט אין **בעל הטורים** (פ' שלח), אז די מרגלים איז דאך יעדער געווען דער נשיא פון זיין שבט. און יהושע בן נון מיט כלב זענען אויך געווען צווישן די מרגלים. זאגט דער **בעל הטורים**, אז די אלע זענען געווען שרי חמשים. זיי זענען נישט געווען פון די גרעסטע וואס איז געווען ביים כלל ישראל, נאר זיי זענען געווען פון די שרי חמשים, זיי זענען געווען שרים אויף פופציג יודען. אין כלל ישראל איז געווען

איינגעטיילט שרי אלפים, שרי מאות, שרי חמשים, ושרי עשרות (שמות יח-כא). די גרויסע זענען געווען א שר איבער טויזנט יודען. די קלענערע זענען געווען א שר איבער הונדערט מענטשען, און די נאך קלענערע זענען געווען שרי חמשים, און נאכדעם איז געווען שרי עשרות. יעדע צען האבן געהאט איינעם איבער זיך, און יעדע פופציג האבן געהאט איינעם איבער זיך. און די מרגלים זענען געווען פון די שרי חמשים. ווענן דעם שטייט אין פסוק ביי די מרגלים (במדבר יג-ג), כלם אנשים ראשי בני ישראל 'המה', המ"ה איז בגימטריא פופציג. זיי זענען געווען פון די שרי חמשים.

**אז** מען מאכט א חשבון, וויפיל שרי אלפים איז געווען ביי יודען. עס איז געווען זעקס הונדערט טויזנט יודען, מיינט עס, אז עס איז געווען זעקס הונדערט שרי אלפים. וויפיל שרי מאות איז געווען ביי יודען, זעקס טויזנט. און נאכדעם האט זיך אנגעהויבן די שרי חמשים, וואס פון זיי איז געווען יהושע. קומט אויס, אז יהושע האט געהאט אין כלל ישראל זעקס טויזנט מיט זעקס הונדערט שרים, וואס זענען אלע געשטאנען העכער פון יהושע, ווייל ער איז נאר געווען פון די שרי חמשים. און די אלע זעקס טויזנט זעקס הונדערט האבן נישט זוכה געווען איבערצונעמען די פלאץ פון משה רבינו, נאר יהושע האט עס זוכה געווען איבערצונעמען. פארוואס האט עס יהושע זוכה געווען איבערצונעמען. ווייל אויף יהושע שטייט אין פסוק (שמות לג-יא) ומשרתו יהושע בן נון נער לא ימיש מתוך האהל. די זעקס טויזנט זעקס הונדערט זקנים האבן געהאט גוטע קעפ, זיי זענען געווען גרויסע תלמידי חכמים, גרעסערע לייט ווי יהושע. אבער אויסצוּוואקסען גרויס אין תורה, אויסצוּוואקסען צו זיין א מנהיג ביי יודען. איז דער יהושע וואס האט זיך נישט אפגעלאזט פון משה רבינו פאר איין מינוט, לא ימיש מתוך האהל, ער האט נישט געוואוינט ביי זיך אינדערהיים, ער האט געוואוינט אין בית המדרש, ער האט געוואוינט ביי משה רבינו, ער האט צוגעקוקט די הנהגה פון משה רבינו, ווי ער קען מקבל זיין תורה פון משה רבינו, האט ער עס מקבל געווען. רש"י (שמות כד-יג) ברענגט צו, אז ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אויפן בארג, האט יהושע געווארט אויף אים די גאנצע פערציג טעג, און ער איז נישט אוועקגעגאנגען, כדי צו געבן כבוד פאר זיין רבי, אז ווען דער רבי קומט אן, זאל ער אים קענען באדינען. האט ער זוכה געווען שפעטער איבערצונעמען די הנהגה פון כלל ישראל.

**די** זקנים וואס זענען געווען אין יענעם דור, זענען געווען פון די שרי אלפים און די שרי מאות, און זיי האבן געזעהן אז יהושע האט איבערגענומען דעם פלאץ פון משה רבינו. עס איז טאקע פני משה כפני חמה, און פני יהושע איז כפני לבנה, עס איז א געוואלדיגע מדריגה וואס יהושע האט. ונתת מהודך עליו, משה רבינו האט איבערגעגעבן א חלק פון זיין הוד פאר יהושע. אבער וואו זענען מיר, מיר זענען דאך די זקנים שבדור, מיר זענען פון די שרי אלפים און די שרי מאות. אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה, ווי איז פאר אונזער בושה, פארוואס האבן מיר נישט אויסגענוצט אונזער צייט, ווען מיר האבן געקענט מקבל זיין פון משה רבינו, ווען מיר זענען געזעסן אונטער משה רבינו'ס פליגלען. ווען מען האט געקענט מקבל זיין תורה, האט מען זיך נישט אוועקגעגעבן פאר תורה. עס האט ווי געטון די בושה וכלימה, פארוואס זיי האבן נישט זוכה געווען צו דעם וואס יהושע האט זוכה געווען.

**זיי** האבן געזאגט, פני משה כפני חמה, ופני יהושע כפני לבנה. עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' יסודי התורה ב-ב) אז מיר האבן נישט קיין השגה אין די חכמת הבריאה פונעם אייבערשטען, וויפיל חכמה עס ליגט אין די וועלט. זאגט דער **רמב"ם**, אז מען וויל זוכה זיין צו אהבת ה', ליב צו האבן דעם אייבערשטען, און מורא האבן פונעם אייבערשטען, זאל מען זיך מתבונן זיין אין די בריאה, ווען מען זעהן דאס גרויסקייט פונעם באשעפער, כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך, ירח וכוכבים אשר כוננתה, וועט מען זעהן מה אנוש כי תזכרנו (תהלים ח-ד), וואס דער מענטש איז, אקעגן אזא גרויסן באשעפער.

**וועָן** דער **רמב"ם** רעדט פון די זון און די לבנה (שם ג-ח), מאכט דער **רמב"ם** דעם חשבון, ווי גרויס די זון איז, און ווי גרויס די לבנה איז. דער **רמב"ם** שרייבט אזוי. אז די לבנה איז בערך א פערציג'סטל גרויס פון די וועלט. דאס מיינט, אז די וועלט איז פערציג מאל גרעסער פון די לבנה. ווען מען נעמט דעם גאנצן כדור הארץ, און מען שטעלט עס צו, צו די לבנה, וועלן פערציג לבנה'ס אנפילן די גאנצע וועלט, אזוי גרויס איז די לבנה. און די זון איז בערך הונדערט זיבעציג מאל גרעסער פון די גאנצע וועלט. עס איז א פלא ווי אזוי דער **רמב"ם** האט עס געקענט אויסרעכענען. עס איז נישט א גמרא, און נישט א מאמר חז"ל. וואס די סייענטיסט"ן פלאגן זיך יארן שפעטער, האט דער **רמב"ם** שוין געוואוסט, און געשריבן אין זיין ספר, ווי גרויס די לבנה מיט די זון זענען.

**זאָגט** דער **רמב"ם** ווייטער, אז אויב מען מאכט א חשבון, וויפיל גרעסער איז די זון פון די לבנה. אויב די לבנה איז א פערציג'סטל פון די וועלט, און די זון איז הונדערט זיבעציג מאל גרעסער פון די וועלט, איז די זון גרעסער פון די לבנה, הונדערט זיבעציג מאל פערציג, וואס דאס איז זעקס טויזנט מיט אכט הונדערט. די דיפרענץ צווישן די זון און די לבנה, איז די זון זעקס טויזנט אכט הונדערט מאל גרעסער פון די לבנה בערך. דער **רמב"ם** זאגט אלס די לשון בערך. - וויפיל איז געווען די דיפרענץ צווישן יהושע מיט משה רבינו? די זעלבע מספר. עס איז געווען זעקס טויזנט שרי מאות, און זעקס הונדערט שרי אלפים. זעקס טויזנט זעקס הונדערט איז געווען די חילוק צווישן משה רבינו ביז יהושע. עס זענען געווען זעקס טויזנט זעקס הונדערט מענטשען אינדערמיט וואס זענען אלע געווען גרעסער פון יהושע. און יהושע האט זוכה געווען, אז ער האט איבערגענומען דעם פלאץ פון משה רבינו. האבן זיי געזאגט, פני משה כפני חמה, משה קוקט אויס ווי די זון, ופני יהושע כפני לבנה, עס איז זעקס טויזנט מיט זעקס הונדערט מדריגות קלענער פון די זון. און ווער האט זוכה געווען איבערצונעמען, נישט די זעקס טויזנט זעקס הונדערט וואס זענען געווען אינדערמיט האבן איבערגענומען די פלאץ פון משה רבינו, נאר יהושע האט עס זוכה געווען. אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה. זיי האבן זיך געשעמט פארוואס האבן זיי נישט אריינגעלייגט די זעלבע כוחות ווי יהושע האט אריינגעלייגט. פארוואס איז ביי זיי נישט געווען דאס לא ימיש מתוך האהל, אז זיי האבן זיך קיינמאל נישט אפגעטון פון די אהלה של תורה אזוי ווי יהושע.

**און** דאס איז די מדריגה, צו וואס נישט יעדער איז זוכה שפעטער אויסצוואקסען. **דער וואס גיט זיך אוועק פאר תורה, לא ימיש מתוך האהל, ווען מען קען זיצען אין בית המדרש זיצט מען אין בית המדרש. מען איז מקבל תורה פון די וואס טוען מרביץ תורה זיין, פון די רבי'ס וואס טוען לערנען מיט די תלמידים, און מען גיט אפ דעם כבוד פארן רבי'ן, צו פאר דעם מגיד שיעור, אזוי ווי יהושע האט אפגעגעבן פאר זיין רבי פון וועם ער האט געלערנט, דער איז זוכה שפעטער לכתרה של תורה.** און אז מען זעהט שפעטער אז מען איז נישט אויסגעוואקסען וואס מען וואלט געקענט אויסוואקסען, טוט מען באוויינען אויף די צייט, און מען זאגט אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה, ווי איז פאר די בושה וכלימה.

**ב"ה** מען רעדט צו בחורים וואס זיצען און לערנען, עס איז לא ימיש מתוך האהל, עס איז שוין האלב עלף ביינאכט, און מען זיצט נאך דא אין בית המדרש און מען לערנט, כאטש די קאפ איז שוין מיט איין פוס אוועק פון בית המדרש, מען האלט ביים אהיימפארן, פון דעסטוועגן דאך זיצט מען ביינאכט און מען איז עוסק אין תורה, דאס איז דער וועג ווי אזוי מען קומט צו צו תורה, און מען זאל אויסוואקסען גרויס אין תורה. מען פארט טאקע אהיים, עס איז דא צוויי דריי טאג וואס מען דארף האבן אביסל מנוחת הנפש, אבער עס איז נישט געמאכט געווארן זיך ארומצודרייען אין די גאסן, וואו מען דארף נישט. מען דארף אבער דאך זיין ביי די עלטערן אביסל, גייט מען אהיים, אבער לא ימיש מתוך האהל, ווען מען האט א געלעגנהייט, ווען מען האט פרייע צייט, זאל מען זיצען אין בית המדרש, און

איבער׳חזר׳ן וואס מען האט געלערנט, דעמאלטס איז מען זוכה צו כתרה של תורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז עטץ זאלטס וואקסען גרויס אין תורה און אין יראת שמים. און ענקערע עלטערן און רבי׳ס זאלן זעהן ביי ענק אסאך נחת דקדושה. דער אייבערשטער זאל מהפך זיין די טעג לששון ולשמחה, און מיר זאלן זוכה זיין צו ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

***<u>שבת קודש פרשת דברים - תשעה באב</u>***

במוצאי שבת אחר אמירת מגילת איכה (על ידי הרה״ג רבי שמשון ראאב שליט״א), למד **רבינו שליט״א** המדרש על חורבן בית המקדש (פתיחתא לאיכה רבה פסקה כד).

*

***<u>יום רביעי פרשת ואתחנן</u>***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **יצחק אייזיק גרינוואלד** הי״ו, ושל בן הר״ר **שלמה שטייף** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** זיצט ב״ה ביי א סעודה פון צוויי ברית׳ן,ביידע עלטערן זענען תלמידים פון דעם מקום, און זיי האבן געברענגט זייערע קינדער אויך אויף דעם פלאץ, מכניס צו זיין בבריתו של אברהם אבינו. ביי מצות מילה שטייט (בראשית יז-יג) המול ימול, די גמרא (עבודה זרה כז.) דרשנ׳ט דערויף, המל ימול, ווען מען מל׳ט א קינד, מוז דער מוהל וואס מל׳ט דאס קינד, אויך זיין גע׳מל׳ט. מען קען נישט נעמען א ערל, אז ער זאל מל׳ן דאס קינד. אפילו דער טאטע אליין וואס איז מחוייב צו מל׳ן דאס קינד, אויב וועגן א סיבה איז דער טאטע נישט גע׳מל׳ט, קען ער נישט מל׳ן זיין קינד, ער מוז נעמען א צווייטען פאר א מוהל. המל ימול, דער וואס איז גע׳מל׳ט, ער קען מל׳ן א צווייטען. און עס דארף האבן א ביאור, פארוואס איז עס אזוי. פארוואס קען נישט א ערל מל׳ן. סוף כל סוף איז עס א מצוה אויפן קינד, מען דארף אראפנעמען זיין ערלה, וואס איז א חילוק ווער עס האט עס אראפגענומען. פארוואס האט די תורה מדקדק געווען אז נאר דער וואס איז גע׳מל׳ט, ער קען מל׳ן דאס קינד.

**דער** ענין דערפון איז, מען האט שוין אמאל געהערט, דער פסוק (משלי כב-ו) זאגט, חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנה. זיי מחנך א קינד, על פי דרכו, אויף זיין וועג, גם כי יזקין, אפילו ער וועט אלט ווערן, וועסטו זעהן אז לא יסור ממנה, עס וועט נישט אוועקגיין פון אים דער חינוך וואס מען האט אים מחנך געווען. וואס איז דער לשון חנוך לנער על פי ׳דרכו׳, אוודאי על פי דרכו, מען קען נישט מחנך זיין א מענטש, נאר וואס עס איז דרכו, וואס עס איז נישט דרכו, קען מען נישט מחנך זיין. און נאכדעם, מען האט שוין געזעהן אסאך מאל, אז מען איז מחנך א קינד, און דאס קינד איז נישט אויסגעוואקסען לויט ווי מען האט אים מחנך געווען. ווי אזוי זאגט דער פסוק אזוי זיכער, אז אויב מען וועט מחנך זיין דאס קינד על פי דרכו, וועט עס נישט אוועקגיין פון אים אפילו אויף די עלטער.

**עס** איז דא צוויי ערליי חינוך. עס איז דא א חינוך וואס א טאטע איז מחנך זיין קינד, ער זאגט אים אז מען דארף לערנען, מען דארף דאווענען, און מען דארף געבן צדקה, און מען דארף זיין דבוק צו ערליכע יודען, ער רעכנט אים אויס א גאנצע ליסטע פון גוטע זאכן, און ער וויל טאקע אז דאס קינד זאל גיין אויף דעם וועג, און ער פראבירט אים מחנך צו זיין אז ער זאל גיין אויף דעם וועג. אבער דער פאטער פאר זיך אליין, איז נישט אין דעם מצב וואס ער לערנט אויס זיין קינד. **ער זאגט פארן קינד אז ער זאל לערנען, און מען זעהט נישט אז דער טאטע זאל קובע זיין עתים לתורה. ער זאגט פארן קינד, שטיי אויף איין פלאץ און דאווען, און דער טאטע שמועסט. ער וויל אז דאס קינד זאל**

**זיין דבוק צו ערליכע יודען, כדי דאס קינד זאל זיך נישט גליטשען שפעטער, און ער אליין קען רעדן אין שטוב אויף דעם און אויף יענעם. דער סארט חינוך קען נישט מאכן א רושם.** פון איין זייט באקומט דאס קינד א חינוך, מען זאגט אים וואס ער דארף צו טון, און פון די אנדערע זייט זעהט ער, אז דער טאטע אליין פירט זיך נישט מיט דעם וואס ער זאגט. איז א סימן אז מען קען רעדן, און מען קען זיין אנדערש. עס גיט נישט דעם ריכטיגען חינוך פארן קינד. ווען דער טאטע אליין איז דער מוסטער אין שטוב פאר די קינדער. וואס ער בעהט פונעם קינד, ארבעט ער אויף זיך אליין אויך. 'דער' חינוך גייט אריין אין די ביינער פון א קינד. ער זעהט עס ביי זיין טאטע, זיין טאטע לערנט, זיין טאטע דאווענט, ער גיט צדקה, ער פירט זיך אויף ערליך, און וואס ער טוט אליין דאס בעהט ער פונעם קינד, אז דער קינד זאל נאכגיין, דער חינוך וועט האבן א המשך אויף שפעטער.

**חנוך** לנער, זיי מחנך דעם קינד, על פי דרכו, וואס דאס זאל זיין דיין דיין וועג אויך. נישט אז דיין וועג איז עפעס אנדערש, און אים ביזטו מחנך ער זאל גיין אויפן ריכטיגען וועג. על פי 'דרכו' גייט נישט ארויף אויפן קינד, עס גייט ארויף אויפן טאטען. חנוך לנער, דו זאלסט מחנך זיין דעם נער, על פי דרכו, אויף דער וועג וואס דער טאטע פירט זיך, אויף דעם וועג איז ער מחנך דאס קינד, דעמאלטס איז גם כי יזקין לא יסיר ממנה, אזא חינוך וועט האבען א המשכה אויף שפעטער. אסאך מאל זעהט מען, אפילו עס האט נישט א השפעה תיכף, א מענטש איז דאך יצר לב האדם רע מנעוריו (בראשית ח-כא), דער טאטע איז טאקע וואויל, און ער וויל מחנך זיין דאס קינד, און נישט אייביג געלונגט עס. אבער עס קומט צוריק שפעטער. ווען ער ווערט עלטער קומט עס צוריק. נאכדעם וואס דער מענטש סעטעל"ט זיך, עס גייט אוועק זיין רתיחת הבחרות, און ער ווערט אביסל עלטער, דעמאלטס הייבט אן אפיר צו קומען, וואס האב איך געלערנט ביי מיין טאטע, וואס האב איך געלערנט ביי מיין רבי, און פון דעם הייבט ער אן נאכדעם. אפילו אין די יונגע יארן האט ער עס נישט אויפגעפאסט, ער איז נישט געגאנגען אויף דעם וועג, אבער טאמער עס איז חנוך לנער על פי דרכו, דו ביסט מחנך דאס קינד על פי דרכו, דאס איז דיין דרך, איז גם כי יזקין לא יסור ממנה, וועט עס בלייבן ביי אים שפעטער.

**מילה** דאס איז דער ערשטער חינוך וואס מען גיט פאר א קינד. א חינוך מיט מסירת נפש, מען נעמט אים אריין בבריתו של אברהם אבינו. עדיין עושין אותו בשמחה, מען איז עס מקיים בשמחה. ווען דער טאטע איז גע'מל'ט, און ער מל'ט זיין קינד, דאס האט א רושם אויף שפעטער. אבער דער טאטע זאל זיין א ערל, און דאס קינד מכניס זיין צו ברית מילה, דאס איז נישט קיין חינוך, דאס איז נישט קיין מילה. דו נעמסט דיין קינד, און דו מל'ט אים, דו ווילסט אז דאס קינד זאל אריינגיין בבריתו של אברהם אבינו, און זיך פירן ערליך בקדושה ובטהרה, וואס מילה ברענגט אלץ מיט, אבער דער טאטע פאר זיך גייט זיך זיין וועג, ער מל'ט זיך נישט, ער איז געבליבן א ערל, אזא חינוך קען מען נישט געבן פאר א קינד. המל ימול, דער וואס האט זיך אליין גע'מל'ט, דער קען מל'ן א צווייטען.

**עס** קען זיין בדרך רמז, עס שטייט די וואך אין די פרשה, אז משה רבינו האט פארציילט ווי אזוי דער אייבערשטער האט אים געגעבן די תורה. האט ער געזאגט, ואותי צוה ה' בעת ההוא, מיר האט דער אייבערשטער מצווה געווען, ללמד אתכם חוקים ומשפטים (דברים ד-יד), איך זאל לערנען מיט ענק די חוקים ומשפטים. משה רבינו האט געזאגט, איך דארף לערנען מיט ענק חוקים ומשפטים, קודם דארף איך אליין לערנען, קודם דארף איך אליין זיין דערביי, און נאכדעם קען איך לערנען מיט ענק. 'ואותי' אזוי ווי מיין אות, מצות מילה איז דאך המול ימול, עס מוז זיין אז דער וואס מל'ט יענעם, מוז קודם זיין אליין גע'מל'ט. 'ואותי', דאס וואס מען געפונט ביי מיין אות, 'צוה ה' בעת ההוא ללמד אתכם חוקים ומשפטים', אזוי האט דער אייבערשטער געהייסען איך זאל לערנען מיט ענק. קודם דארף דער וואס לערנט מיט יענעם

זיין אויסגעארבעט, און נאכדעם האט עס א השפעה אויף די אנדערע.

**די** עלטערן האבן מכניס געווען זייער קינד בבריתו של אברהם אבינו, און זיי האבן אהער געברענגט דעם ברית אויף דעם פלאץ וואו זיי זענען נתחנך געווארן. צו ווייזן, איך מל'ע טאקע דאס קינד, איך בעהט פון דיר אז דו זאלסט זיין ערליך, און איך גיי אויך אויף דעם וועג, איך ברענג דיך צוריק אויף דעם פלאץ וואו איך בין נתחנך געווארן, און איך האלט אן דעם חינוך וואס איך בין נתחנך געווארן אויף שפעטער, און איך וויל עס איבערגעבן פאר מיינע קינדער אויך. עס איז המל ימול, מען איז אליין געמ'לט, און נאכדעם קען מען מל'ן דאס קינד.

**ב"ה** ביידע בעלי שמחה זענען חשוב'ע תלמידים פון די ישיבה, און זיי זענען מכניס זייער קינד בבריתו של אברהם אבינו, זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן זעהן אסאך יודיש נחת, ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער. מען שטייט נאך די טעג וואס מען האט מתאבל געווען אויפן חורבן בית המקדש, זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל שוין זיין נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם, און מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה בקרוב, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת ואתחנן***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למחנינו 'עדת יראים' בפארקסוויל, והתפלל תפלת שחרית ביחד עם ילדי המחנה. אחר התפלה התקיים מסיבת קבלת פנים, המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א, והרב **יוסף דוד אונגאר** שליט"א (סגן מנהל) קידמו את פני **רבינו שליט"א** בברכה. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסען די חשובע קינדער דא אין קעמפ. עס איז מיר געווען א עונג רוחני, צו דאווענען דא היינט צוזאמען. דעם שיינעם קול תפלה וואס מען האט געהערט, מען האט געדאווענט מיט אזא ווארימקייט, הויך אויפן קול, און די גוטע גריסן וואס מען באקומט פונעם קעמפ. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל שטייגען אין תורה און אין יראת שמים, מען זאל זיך קענען פירן על דרך ישראל סבא, אויף די וועגן פון אונזערע עלטערן און אונזערע זיידעס, ווייטער ממשיך צו זיין די גאלדענע קייט.

**מען** האלט פאר חמשה עשר באב, וואס די גמרא (תענית לא.) זאגט, לא היה ימים טובים לישראל כט"ו באב. דער הייליגער **אפטער רב זי"ע** זאגט, אז עס גייט ארויף אויף די אות ס', וואס איז די פופצענטע אות אין די א' ב'. עס איז נישט געווען קיין יום טוב ביי יודען, אזוי ווי דער אות ס', וואס ווייזט אויף אחדות, אין א רינג צוזאמען, עס איז נישט דא איינער אויבן און איינער אונטען, אלע זענען אייניג. און דאס איז די חשיבות פון יודען, ווען יודען זענען צוזאמען.

**איך** וויל ארויסברענגען נאך א געדאנק, וואס מען קען צוגעבן ענליך צו די ווערטער פונעם הייליגען **אפטער רב זי"ע**. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס איז דא ששים רבוא נשמות. כלל ישראל איז צוזאמגעשטעלט פון זעקס הונדערט טויזנט נשמות. און עס איז אויך דא זעקס הונדערט טויזנט אותיות אין די תורה. יעדער יוד איז א אות אין די תורה, יעדער יוד איז מקושר אין איין אות אין די תורה, און פון דארט באקומט ער זיין חיות. דער אות אין די תורה, דאס לעבט אים אויף, און דאס גיט אים די מעגליכקייט צוצוקומען צו אלעס וואס ער דארף האבן. וועגן דעם איז עס אויסגעמאסטן, אז עס איז דא אזויפיל אותיות אין די תורה, וויפיל נשמות עס איז דא אין כלל ישראל.

**די** הלכה איז (**שו"ע** או"ח סימן ל"ב), אז יעדער אות דארף זיין מוקף גויל, עס דארף זיין ארומגענומען מיט פארמעט פון אלע זייטן, איין אות טאר נישט צורירן צום צווייטען. טאמער עס איז דא א נגיעה, עס רירט צו איין אות צום צווייטען, איז עס נישט ארומגענומען מיט פארמעט פון אלע זייטן, איז די ספר תורה

פסול. פארוואס, ווייל יעדער יוד דארף האבן א היקף ארום זיך, **יעדער יוד דארף וויסן, אז ער דארף זיין אפגעזונדערט פון די וועלט. מיר באלאנגען נישט צו עולם הזה, מיר האבן א אנדערע תכלית אין אונזער לעבן. אז מען דרייט זיך צווישן גוים, אז מען דרייט זיך צווישן אומות העולם, און מען זעהט ווי אזוי זיי פירן זיך, לערנט מען זיך אראפ פון זייערע וועגן. א יוד'ס קדושה איז דעמאלטס, ווען ער איז ארומגענומען פאר זיך, עס אינטערעסירט אים נישט וואס עס טוט זיך אויף די וועלט. אים אינטערעסירט נאר לערנען און דאווענען, יודישקייט, דאס איז זיין גאנצער חיות.** וועגן דעם דארף יעדער אות וואס איז דא אין די תורה זיין ארומגענומען מיט א מחיצה פון אלע זייטן, ווייל יעדער אות איז א נשמה פון א יוד, און אז מען וויל זיך האלטן הייליג, אויב מען וויל זיין א כשר'ע אות אין די ספר תורה, דארף מען וויסן אז מיר האבן גדרים וסייגים, מיר זענען ארומגענומען פון אלע זייטן, זיך נאר צו פירן על פי תורה. טאמער איז דא א לאך פון איין זייט, מען איז נישט ארומגענומען פון אלע זייטן, עס איז דא א נגיעה ארויסצוגיין פון דארט, איז עס פסול.

**א** אות ס' איז א היקף, עס נעמט ארום. לא היו ימים טובים לישראל, דער אמת'דיגער יום טוב ביי יודען איז, אזוי ווי ט"ו באב, ווען מען איז ארומגענומען אזוי ווי א ס', ער האט א גדר ארום זיך. זיין אפגעהיטן, ערליך, ער האט נישט קיין שייכות מיט די אויסענווייניגע וועלט, זיין גאנצע חיות איז תורה און עבודת ה', דאס איז די ימים טובים וואס איז דא ביי יודען. עס איז נישט דא קיין גליקליכערע טאג ביי א יוד אין זיין לעבן, ווי א טאג וואס ער איז מקדיש פאר תורה און עבודת ה'.

**און** מען קען זאגן, אז דער זומער, דאס איז דער גרויסער ס'. דער קעמפ וואס איז דא, וואס נעמט ארום, מיר זענען אפגעזונדערט פון די גאנצע וועלט, פון די טריפה'נע וועלט וואס איז דא אינדרויסן, מען געפונט זיך אין א אטמאספער פון ערליכקייט, תורה און קדושה, אפילו די גשמיות וואס מען שפילט זיך אין די פרייע צייט, איז אויך אויסגעהאלטן על פי תורה, אלעס איז אויסגערעכנט עס זאל געבן כוחות שפעטער, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. איז ביי אונז דער גרעסטער יום טוב, דער ט"ו באב ב', וואס א יוד איז מוקף גויל, ער איז ארומגענומען מיט מחיצות, זיך צו פירן ערליך.

**און** עס איז נישט גענוג אז מען האט עס אין קעמפ, דער קעמפ דארף זיין א מוסטער פאר א יונגעל, ווי אזוי מען דארף זיך פירן אינדערהיים. **אזוי ווי מען דאווענט אין קעמפ, אזוי דארף מען דאווענען אין שטוב. אזוי ווי די שיינע שבתים וואס איז דא אין קעמפ, אזוי דארף אויסקוקן א שבת ביי זיך אינדערהיים. שבת איז געמאכט געווארן צו זינגען זמירות, און צו זיין פריילך, צו זיין אין א רואיגע אטמאספער אין שטוב.** אזוי ווי שבת אין קעמפ, אזוי דארף זיין איבעראל.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין אין דעם וועג, מיר זאלן אלץ וויסן אז אונזער קדושה אינעם אות פון די ספר תורה איז ווען מען איז ארומגענומען מיט מחיצות. און אליין וויסן, **נישט זיך האלטען קליין, נישט האלטן אז איך בין גארנישט, איך בין א יונגעל, איך בין נאך צו גארנישט צוגעקומען. דו ביסט א אות אין די תורה, דו ביסט א חלק פון די תורה, און דו האסט די מעגליכקייט אויסצווואקסען און זיין אזוי הייליג ווי א ספר תורה.** זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל צוקומען צו די מדריגה, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטער בשמחה ובטוב לבב.

**איך** וויל באדאנקען פאר דעם סגן מנהל, און דער מנהל, און פאר אלע וואס לייגען אריין אזויפיל כוחות דא אין קעמפ. דער מנהל הגשמי פונעם קעמפ רבי שמואל דוד זאל זיין געזונט, און פאר רבי ישראל וויינגארטן וואס לייגט אריין אסאך כוחות אז אלעס זאל זיין צוגעשטעלט אין קעמפ. דער אייבערשטער זאל זיי בענטשען אז זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי זייערע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר זאלן זוכה זיין

אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

לפני תפלת ערבית מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי **באור החיים הק'** לתלמידי הישיבה קטנה.

*

***ערב שבת קודש פרשת ואתחנן***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לנכד הר"ר **אברהם יעקב פריינד** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת ואתחנן***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע**, ומאת **הרה"ק רבי שלום מבעלזא זי"ע** (מתוך הספר אמת ויציב), ומאת **הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע**. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א**.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע** היה מתפלל תפלת המוספין בראש השנה לפני התיבה, ובנו הרב מבארניב, בעודנו נער, התפלל לא רחוק מן העמוד. בתפלת לחש כאשר השלים סדר מלכיות, **והרה"ק מדזיקוב** האריך עוד בתפלתו, פתח את עיניו, וראה כי איש אחר עומד לפני התיבה, מעוטף בטלית נאה, ואת אביו לא ראה, ויפלא זאת בעיניו. ויען כי ממקום אשר עמד לא היה יכול להסתכל בפני האיש, עקר רגליו והלך למקום אחר, והביט בפניו, וראה כי זהו זקינו **הרה"ק מראפשיץ**, אשר היה כבר בעולם העליון. ועמד שם מלמדו, וקרא אליו הנער, רבי רבי, ראו נא כי זקיני עומד לפני התיבה. ותיכף נעלם, ועל מקומו ראה, כי אביו הק' עומד מעוטף בטלית ישן.

**וביאר רבינו:** איך האב נישט ליב צו דערציילען א מעשה וואס עס איז דא קשיות דערויף. בשעת איך האב געליינט די מעשה, האב איך געטראכט אזוי, אז מען וועט דאך האבן קשיות אויף די מעשה. וואס איז געווען דא? האט דער **ראפשיצער רב** געדאווענט פארן עמוד, אדער **רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער** האט געדאווענט פארן עמוד. **רבי אליעזר'ל** האט געדאווענט פארן עמוד, און אינמיטן האט מען געזעהן דעם **ראפשיצער רב** דארט, און נאכדעם איז ער אוועקגעגאנגען. וואו איז **רבי אליעזר'ל** געווען ווען דער **ראפשיצער רב** האט געדאווענט?

**איך** מיין אז דער פשט פון די מעשה איז, מען געפונט אויך אין מדרש (שמו"ר כח-א) ענליך, ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען מקבל זיין די תורה, האבן די מלאכים געוואלט פוגע זיין אין משה רבינו. צר הקב"ה קלסתר פניו של משה דומה לאברהם, דער אייבערשטער טוט אסאך מאל אויספארעמען די קלסתר פנים פון איינעם צום צווייטען, און משה רבינו האט אויסגעקוקט אזוי ווי אברהם. און דער אייבערשטער האט געזאגט, לא זהו, איז עס נישט אברהם, וואס עטץ האטס געגעסן ביי אים, ווען עטץ זענטס אראפגעגאנגען אויף די וועלט. און אזוי האבן זיי נישט פוגע געווען אין משה רבינו. נו, דאס איז געווען א מעשה אין הימל, אבער עס איז נאכנישט א צושטעל אהער, צום **ראפשיצער רב** מיט **רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער**. אז עס איז צר קלסתר פניו אז ער זאל אויסקוקען אזוי ווי דער **ראפשיצער רב**.

**מען** געפונט אבער אויך די זעלבע זאך אין די גמרא (בבא קמא נ.), די גמרא פארציילט, אז רבי נחוניא איז געווען א חופר שיחין, ער פלעגט צו גראבן גרובער כדי די עולי רגלים זאלן האבן צו טרינקען וואסער. און אמאל איז זיין טאכטער אריינגעפאלען אין איינע פון די גרובער, און מען איז געקומען צו רבי חנינא בן דוסא אז ער זאל מתפלל זיין פאר איר, האט רבי חנינא בן דוסא געזאגט שלום. נאך די צווייטע שעה, האט ער ווייטער געזאגט שלום, מען קען נאך אויסהאלטען, זי וועט נאך ארויפקומען. די

דריטע שעה, וואס עס איז שוין נישט מעגליך אז מען זאל קענען בלייבען לעבן, האט ער געזאגט, כבר עלתה, זי איז שוין ארויפגעקומען. האט מען געפרעגט די טאכטער, ווער האט דיך ארויפגעברענגט, האט זי געזאגט, אז עס איז געווען דא א זכר של רחלים, א שאף איז אדורכגעגאנגען דארט, און א זקן, און ווען זיי זענען אדורכגעגאנגען האבן זיי מיך ארויפגענומען. האט מען געפרעגט רבי חנינא בן דוסא, דו ביסט א נביא אז דו האסט געוואוסט, אז זי איז שוין ארויפגעקומען. האט ער געזאגט, כך אמרתי, דבר שנצטער בו אותו צדיק יכשל בו זרעו?! ער האט זיך אזויפיל געפלאגט צו געבן טרינקען פאר יודען, אז עס איז נישט מעגליך אז זיין טאכטער זאל דארט נכשל ווערן. - רש"י טייטשט, אז דער זקן וואס זי האט געזעהן, איז געווען אברהם אבינו, און דער שאף איז געווען אילו של יצחק, וואס מען האט מקריב געווען פאר די עקידה אנשטאט יצחק. די מפרשים זאגן דארט פשט, אז דער זכות פון די עקידה איז מגין. און דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען אז דער זכות פון די עקידה האט מגין געווען, האט ער גענומען א זקן מיט א שאף, אז עס זאל אויסקוקען אזוי ווי אברהם אבינו מיט אילו של יצחק.

**תוספות** ברענגט דארט צו, אז עס איז דא א ירושלמי (שקלים ה-א), אז דער מענטש וואס האט איר ארויפגענומען האט אויסגעקוקט אזוי ווי רבי חנינא בן דוסא. לכאורה איז רבי חנינא בן דוסא אליין נישט דארט געווען, רבי חנינא בן דוסא איז דאך געווען ביי זיך אין שטוב, און ער האט געזאגט כבר עלתה. נאר ווען א מלאך קומט אראפ ביי איינעם, אין א געוויסע זכות פון א צדיק, ווערט נתלבש אויף דעם מלאך די צורה פון דעם צדיק, איז ממילא דער וואס האט געהאלפן אז זי זאל ארויסקומען, האט אויסגעקוקט אזוי ווי רבי חנינא בן דוסא.

**על** כל פנים, זעהט מען פון דעם, אז עס קען אמאל זיין, אז א מענטש דאווענט, און ער האט א געוויסען זכות פון זיין טאטען, דער **ראפשיצער רב** האט צוגעהאלפן **רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער** ביי די תפלות, האט מען געקענט דערקענען אויף **רבי אליעזר'ל דזיקוב'ער** די צורה פונעם **ראפשיצער רב.** שפעטער ווען ער האט אנגעהויבן צו מאכן א פירסום דערפון, איז אוועקגענומען געווארן די צורה, האט ער עס מער נישט געזעהן.

*

סיפר **הרב מבארניב זצ"ל**, שבפעם הראשון שנסע לבעלזא **להרה"ק רבי יהושע זי"ע**, כבדוהו וקרבהו מאוד. ונכנס עמו ביחוד לבית הכנסת, והראהו התפארת והכבוד ששקע שם אביו הקדוש זצ"ל, על כל פרט ופרט. ואחר כך לחש לו באזניו, שאביו הקדוש אמר לו, שפינה אחת בבית הכנסת קידש בקדושה גדולה מאוד, ומשם הוא ההתפשטות הקדושה בכל בית הכנסת.

**וביאר רבינו:** איך מיין, אז דער פשט פון דעם, אז עס איז דא א ווינקל וואס פון דארט ווערט נתפשט די קדושה. מען זאגט נאך, אז דער **בעלזער רב** האט געזאגט בשעת ער האט געבויט דעם בית המדרש, אז ער האט עס געבויט אויף אזא פלאץ, וואו עס איז נישט דא קיין שום הפסק אין די לופט, פון די שול אין בעלזא ביז ארץ ישראל, איז נישט מפסיק קיין שום תיפלה. - עס קען זיין, אז דער ווינקל וואו ער האט געזאגט, אז דארט ליגט די קדושה, דאס איז דער ווינקל וואס איז מכוון אקעגן ארץ ישראל, און וועגען דעם האט ער געזאגט, אז די קדושה פון ארץ ישראל, ליגט אין דעם ווינקל, און פון דארט ווערט עס נתפשט אויפן גאנצן פלאץ.

*

סיפר **הרב מבארניב זצ"ל**, שפעם אחת שאל את **הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע** הענין שלפני אביו **השר שלום מבעלזא זי"ע** באו תמיד חולים מחולי רוח ר"ל, ודרכו בקודש היה למשמש אותם בידי קדשו, ותיכף נתרפאו, האם היה מכוון אז בזה יחודים משמות הקדושים. ואמר לו, לא. כי אביו הק' לא החסיר דבר גדול וקטן שהיה יודע, שלא יגלה לו. ובוודאי אם היה לו בזה כוונות ויחודים,

היה מגלה לו. אבל הענין הוא, כי ידוע כי כל מין מחלה הוא משליטת החיצונים, וביחוד מחלות האלו של חולי הרוח ושיתוק האברים. ואבי הק' היה לו קדושת הגוף, ובכל מקום חולי ומדוה שהניח שם ידיו הקדושים, ברחו משם הסטרא דמסאבא, וממילא נתרפאו החולים.

**די** וועלט זאגט, אז דער **בעלזער רב** האט געזאגט, אז די ראשי תיבות פון י'שלח ד'ברו ו'ירפאם (תהלים קז-כ) איז יד"ו. ישלח דברו וירפאם, דער אייבערשטער שיקט זיינע רייד אים צו היילען, איז מיט די הענט דא א כח ביי צדיקים צו קענען היילען א קראנקען. מען געפונט אין די גמרא (ברכות ה:) יהיב ליה ידיה ואוקמיה, ער האט אים געגעבן די האנט, און ער האט אים געזונט געמאכט. דאס איז ישלח דברו וירפאם, דאס איז די רפואה.

**פון** א צווייטען צדיק זאגט מען נאך, אז ער האט געזאגט, אז ער לייגט נישט צו די האנט צו היילען, נאר במחשבה איז ער מתפלל אז יענער זאל האבן א רפואה. און ער האט געזאגט, אז דאס איז אויך מרומז אין די ווערטער ישלח דברו וירפאם. ווייל די סופי תיבות איז מו"ח. די ראשי תיבות איז יד"ו, און די סופי תיבות איז מו"ח, מען קען היילען מיט די הענט, און מען קען היילען מיטן מוח.

**איך** האב געטראכט היינט, אז רש"י זאגט ביי יעקב אבינו ווען ער האט געזעהן די מראה מיטן סולם, וואס עס איז געווען אויפן מקום המקדש, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, הארץ אשר אתה שוכב עליה, לך אתננה ולזרעך (בראשית כח-יג), דעם ערד אויף וואס דו ליגסט, וועל איך דיר געבן. א מענטש פארנעמט דאך נאר ד' אמות, ווי אזוי קען זיין אז נאר דאס, הארץ אשר אתה שוכב עליה, דעם שטיקל פלאץ, וועט אים דער אייבערשטער געבן. רש"י זאגט, אז דער אייבערשטער האט מצמצם געווען גאנץ ארץ ישראל אונטער יעקב אבינו, גאנץ ארץ ישראל איז געלעגן אונטער זיינע ד' אמות, און ער האט אים געזאגט, הארץ אשר אתה שוכב עליה, דו ליגסט יעצט אויף גאנץ ארץ ישראל, לך אתננה ולזרעך, דאס וועל איך געבן פאר דיר מיט דיינע קינדער.

**רש"י** איז מסביר, פארוואס האט דער אייבערשטער געטון אזא נס, אז ער האט צוזאמגענומען גאנץ ארץ ישראל אונטער יעקב, כדי שתהא נוחה לכבוש לבניו. אזוי ווי א קליין פלאץ איז גרינג איינצונעמען, האט אים דער אייבערשטער געוואלט ווייזען אז גאנץ ארץ ישראל וועט זיין אזוי ווי ד' אמות, עס וועט זיין א קלייניגקייט פאר דיינע קינדער איינצונעמען ארץ ישראל.

**איך** האב געטראכט, אז מען זאגט, אז צדיקים ווי זיי רירן צו, זענען זיי משרה א קדושה. דער אייבערשטער האט געוואלט אז יעקב אבינו זאל משרה זיין א קדושה אויף גאנץ ארץ ישראל, האט דער אייבערשטער גענומען גאנץ ארץ ישראל, און ער האט עס אונטערגעלייגט אונטער יעקב, האט דאך יעקב צוגערירט צו יעדע ווינקל וואס איז דא אין ארץ ישראל, און ער האט משרה געווען א קדושה. א צדיק נעמט אוועק די רוח מסאבא וואס איז דא אויף דעם מקום, איז דורך דעם וואס דער אייבערשטער האט גענומען גאנץ ארץ ישראל, און ער האט עס געלייגט אונטער יעקב, האט יעקב מיט דעם מקדש געווען גאנץ ארץ ישראל. ממילא וועט עס יעצט זיין נוחה ליכבש, יודען וועלן עס קענען גרינג איינעמען, ווייל עס איז נישט דא דארט קיין טומאה, עס איז נישט דא ווער עס זאל זיך שלאגן, איז ממילא דורך די קדושה וועלן עס יודען קענען כובש זיין און אריינקומען קיין ארץ ישראל.

**ווען** איך האב עס געטראכט, האב איך זיך דערמאנט, אז מיט איבער פופציג יאר צוריק, בין איך אמאל געווען מיט **מיין טאטע ז"ל** ביים **קלויזענבורגער רב זצ"ל**, אין קרית צאנז. און עס איז געווען א שמועס, אויף וועלכע מקומות די אבות הקדושים האבן זיך ארומגעדרייט אין ארץ ישראל. עס איז דא פסוקים וואס עס שטייט וואו זיי זענען געווען, אבער אויסער די מקומות. האט דער **קלויזענבורגער רב** געזאגט, אונז וויים

מיר דאך נישט, עס קען זיין אז דא וואו אונז זיץ מיר, איז געזעסן אברהם אדער יצחק אדער יעקב, און זיי האבן מקדש געווען דעם מקום. האט ער געגעבן אזא שמייכעל, און ער האט געזאגט, דא זענען מיר מסופק צו זיי זענען געזעסן, אבער אין ניו יארק זענען זיי זיכער נישט געזעסן...

**נאכדעם** האט ער געזאגט, אז עס איז געווען אמאל א דארפסמאן וואס האט געזאגט, אז דער רבונו של עולם מוז זיין זייער הייליג. האט מען אים געפרעגט, ווי אזוי ווייסטו. האט ער געזאגט, וואס הייסט, ער האט אזויפיל צדיקים אויבן אין הימל, עפעס קלעפט זיך דאך אן אין אים... – האט ער געזאגט, אונז רעד מיר דא, צו אברהם איז יא געזעסן דא, צו ער איז נישט געזעסן דא. ארץ ישראל איז הייליג אן אברהם און אן יצחק און אן יעקב, עס איז הייליג. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו זיי זענען יא געזעסן דא, צו נישט.

**לויט** רש"י אז דער אייבערשטער האט גענומען גאנץ ארץ ישראל, און ער האט עס כובש געווען אונטער יעקב, קומט אויס, איך ווייס נישט צו ער איז געזעסן דארט, אבער געלעגן דארט איז ער זיכער, ווייל ער איז געלעגן אויף גאנץ ארץ ישראל.

*

פעם אחת באו שני אנשים חשובים תלמידי חכמים מאמעריקא ביחוד **להרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע**, ובקשו ממנו שהיות שמתחילים לבוא הרבה יהודים מארצות אירופה לאמעריקא, והמדינה שמה משובשת מאוד, מחמת כי אין שם אדם גדול שיסדר בתי תלמוד תורה והשחיטה והמקואות והקהלה וכו' כמו שצריכין. לכן נתאספו שמה היראים, והם נבחרו מאסיפה לנסוע לאירופה, ולהביא לאמעריקא אדם גדול אחד. ובכן בראשונה באו לבעלזא, ומבקשים אותו שיסע עמהם עם כל המשפחה לפחות על שנה אחת, שיסדר שם הנ"ל, ואחר כך יסע עם בני ביתו חזרה לבעלזא. **והרה"ק מבעלזא** השיב להם, שישבו בבעלזא איזה ימים, עד שיתיישב בדעתו.

כעבור איזה ימים, קרא **הרה"ק מבעלזא** להשליחים ואמר להם, דעו, כי ידוע הוא, כי אויר העולם מלא מהחיצונים ר"ל, וכמעט לולא רחמיו יתברך לא היה במציאות להיות אפילו רגע אחת בעולם הזה מחמת גודל ריבוי הקליפות אשר סובבים ועומדים עלינו על כל שעל ושעל שאנו הולכים. והנה בארצות אירופה כבר היה שם בדורות הקודמים קדושים עליונים ראשונים ואחרונים, והם בגודל קדושתם וכח תורתם טיהרו את האויר מהקליפות, ובפרט אחרון אחרון שריחם ה' על ישראל, ושלח עירין קדישין משמיא **הבעל שם טוב הק'** והחברייא ותלמידיהון ותלמידי תלמידיהון, שהם טיהרו האויר עד סוף כל הדורות שיוכלו ללמוד ולעבוד את ה' שם. אבל בארצות האלו של אמעריקא, מבריאת העולם ועד היום, עוד לא היה שמה אנשים גדולים מטהרי האויר, ולכן אין חידוש לנו מה שאתם מספרים מגודל עזיבת התורה שיש שם באמעריקא, כי לפי הבנתינו כמעט ניטל שם הבחירה מהאדם, ומוכרחים ר"ל לחטוא. לכן גם אני מפחד ממני בעצמי ליסע ולבוא שמה בארץ ההוא, אשר לא עבר שמה איש. וגם איני מאמין שצדיקים אחרים ירצו לבוא שמה אצליכם, כי יראו לנפשם לילך לשם. אבל אייעץ לכם, שתסעו למדינת ליטא ושמה יש גדולים וגאונים וגם צדיקים אשר הם אינם מבינים כל כך גודל הסכנה עבור נפשם שם, ותוכלו למצוא שם אחד מהם אשר יסע עמכם לאמעריקא, והוא יסדר שמה ויתקן כל מה שצריך לכם.

**איך** האב געהערט פון רבי יודל ראזענבערג ע"ה, ער איז געווען דער מנהל פון די סאטמארע קעמפס. האט ער מיר פארציילט, אז אין יענע יארן האט געוואוינט נעבן די קעמפ א גוי, ער האט געהייסען פינטש"י, און ער פלעגט אסאך ארויסהעלפן פאר די קעמפ. און דער גוי האט געזאגט פאר רבי יודל, אז אין די ערשטע יארן וואס די קינדער זענען ארויסגעקומען אהין אין קעמפ, האט ער געזעהן אז די קינדער זענען זייער צווילדעוועט, זיי האבן נישט קיין שום דרך ארץ, און זיי זענען זייער צולאזט. און דער גוי האט ווייטער געזאגט, אז אין די לעצטערע יארן האט זיך עס פארבעסערט. עס איז אדורך א פאר יאר, און די קינדער זענען שוין רואיגער.

און רבי יודל האט עס איבערגעזאגט פארן **סאטמארער רב**, ער האט געוואלט ארויסברענגען, אז די קעמפ טוט אויף פאר די קינדער, אז זיי ווערן רואיגער.

**האט** דער **סאטמארער רב** געמאכט אזוי מיט די הענט, און ער האט געזאגט, עס איז נישט פאר דעם. ווען זיי זענען אהערגעקומען קיין אמעריקא, איז געווען דא א טריפה'ענע לופט, זענען די קינדער געווען צולאזט. צוביסלעך צוביסלעך ווערט די לופט ריינער אין אמעריקא אויך, ווערן שוין די קינדער אויך ערוואקסען אנדערש. – עס איז די זעלבע נקודה וואס דער **בעלזער רב ז"ל** האט געזאגט, אז די לופט אין אמעריקא איז נישט נתקדש געווארן פון די פריערדיגע צדיקים, וועגן דעם איז דא שוועריקייטן צו דינען דעם אייבערשטען.

*

**עס** איז די וואך די יארצייט פונם **בעלזער רב זי"ע** פון ירושלים. מיינע עלטערן זענען געווען בעלזער חסידים. **מיין טאטע ז"ל** איז נאך געווען ביים פריערדיגען **בעלזער רב**, **רבי ישכר דוב זי"ע**, און זיין פאטער איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבושם**, דער **ערוגת הבושם** איז אסאך געפארן קיין בעלזא, און די תלמידים פונעם **ערוגת הבושם** זענען געווען בעלזער חסידים. איך האב קיינמאל נישט געהערט פון **מיין טאטע ז"ל** זאל פארציילען א מופת פונעם **בעלזער רב**. ווען מען האט גערעדט, און מען האט געבעטן ער זאל עפעס פארציילען, פלעגט ער נאר אזויפיל צו זאגן, מען דארף נישט קיין מופתים, ווען מען האט אנגעקוקט דעם יוד ווי אזוי זיין פיר און צוואנציג שעה פונעם טאג אין זיין לעבן איז אדורך, אז מען זאל זיך קענען אזוי פירן, דאס איז דער גרעסטער מופת. א יוד וואס איז אויסגעטון פון עולם הזה, נישט עסן, נישט טרינקען, נישט שלאפן, זיך צו קענען אזוי פירן, דאס איז דער גרעסטער מופת. נישט דער מופת האט געשפילט א ראלע, נאר דאס ערליכקייט וואס איז געווען, די קדושה און די טהרה, דאס איז געווען וואס חסידים האבן ארויפגעקוקט אויף א רבי'ן.

**דער בעלזער רב זי"ע** איז כל ימיו אין ארץ ישראל געזעסן אויף א פשוט האלצערנעם בענקל. א האלצערנעם בענקל וואס איך גלייב אז א בחור דא וואלט נישט געזעסן דערויף, און געלערנט, אפילו איין טאג. איך האב געזעהן דאס בענקל אין ארץ ישראל מיט פופציג יאר צוריק, ווען איך בין געווען דאס ערשטע מאל דארט, עס איז געווען א קליין רינדעכיג בענקל. דער בעלזער רב האט זיך קיינמאל נישט אנגעלאנט די הענט אין די זייט, ווייל עס האט נישט געהאט קיין אנכאפערס פון די זייט. און ער האט זיך קיינמאל נישט אנגעלאנט אויף די רוקן, ער איז געזעסן אויף די ערשטע העלפט פונעם בענקל, איינגעבויגן מיטן רוקן. מען האט דערקענט אויפן בענקל, ווי עס איז געווען אויסגעריבן. די ערשטע האלב פונעם בענקל איז געווען אויסגעריבן פון זיצן, און די צווייטע העלפט פונעם בענקל האט געגלאנצט, אזוי ווי מען וואלט קיינמאל נישט געזעסן דערויף. ער איז אלץ געזעסן נאר אויף א האלבן בענקל, און זיך קיינמאל נישט אנגעלאנט, נישט אויפן רוקן און נישט אויף די זייט. מען האט נישט א השגה וואס דאס מיינט, אזוי צו זיצן און דינען דעם אייבערשטען.

**זיין** עסן איז מער ארויסגעגאנגען אויף די בארד און די בעקיטשע, פון וויפיל עס איז אריינגעגאנגען אינעם מויל. ער האט קוים געקענט אראפשלינגען א כזית חלה. ער פלעגט אלץ פרעגן, צו ער האט שוין געגעסן גענוג. ביי אונז אינדערהיים איז דא גארטל פונעם **בעלזער רב זי"ע**, און עס איז אנגעפילט מיט פלעקן פון עסן פון אלע זייטן. אזוי האט מען געדינט דעם אייבערשטען, אויסגעטון פון דעם עולם.

*

**איך** האב געזעהן פונעם **טאלנער רבי זצ"ל** פון ארץ ישראל, אז ער האט דערציילט דריי זאכן, וואס בדידיה הוה עובדא, וואס ער האט מיטגעלעבט ביים **בעלזער רב**. איינס, אז ער האט געהאט א טאכטער א בת יחידה, און זי האט געווארט א קינד, און זי איז אריינגעפאלן

אין א גרויסע סכנה, איז ער אריבערגעגאנגען צום **בעלזער רב** מזכיר זיין. דער **בעלזער רב** האט געפרעגט איר נאמען, האט ער געזאגט. דריי מאל האט דער **בעלזער רב** געפרעגט די נאמען, און דער **בעלזער רב** האט אויך דריי מאל איבערגעזאגט דעם נאמען, אז אלעס זאל אדורכגיין געהעריג. דער **בעלזער רב** איז געזעסן נאכדעם א פאר מינוט און ער האט געווארט, נאכדעם רופט ער זיך אן, מזל טוב, מזל טוב, מזל טוב. האט ער געקוקט אויפן זייגער, און ער איז געגאנגען אין שפיטאל, און דעמאלטס ווען דער **בעלזער רב** האט געזאגט מזל טוב, איז געבוירן געווארן דאס קינד. ער האט געהאט א הרגשה אין שטוב צו זאגן מזל טוב ווען דאס קינד איז געבוירן געווארן.

**צווייטענס** האט ער פארציילט, אז ער איז געפארן מיט א יוד אויף די שיף קיין ארץ ישראל, און דער יוד האט מיטגעברענגט פירות פארן **בעלזער רב**. אין ארץ ישראל איז אנהייב נאך די קריג נישט געווען צו באקומען פירות געהעריג צו עסן, און מען פלעגט ברענגען פארן **בעלזער רב** עפל פון חוץ לארץ. און דער יוד האט אוך מיטגעטראגען פירות פארן **בעלזער רב**, און אויף די שיף, איז א חלק פון דעם פעקל וואו ער האט געהאט די פירות, געלעגן אונטערן בעט. האט דער **טאלנער רבי** געזאגט, איך האב דעמאלטס געטראכט, איך בין נייגעריג צו דער רב וועט עס איבערנעמען פון אים. א חלק פון די פירות ליגט דאך אונטערן בעט.

**שפעטער** האב איך געטראפן דעם יוד אין ארץ ישראל, און איך האב אים געפרעגט, נו, וואס איז געווארן, דו האסט איבערגעגעבן פארן רב די פירות וואס דו האסט געברענגט? האט ער געזאגט יא, איך האב עס אראפגעלייגט אויפן טיש, און דער **בעלזער רב** האט געפרעגט, צו די פירות זענען נישט געלעגן אונטער א בעט. האט ער געזעהן, אז דער **בעלזער רב** האט מרגיש געווען די רוח רעה וואס איז דא אויף די פירות.

**והוסיף רבינו:** איך האב געהערט פון א יוד, רבי אברהם מענדלאוויטש ז"ל, ער האט געוואוינט אין וויליאמסבורג. אז ער האט פאר דעם געוואוינט אין אנטווערפען, און ער איז אויך אמאל געפארן צום **בעלזער רב**, און ער האט מיטגעברענגט מיט זיך א פעקל עפל. אויפן וועג איז ער געווען זייער הונגעריג, און ער האט ארויסגענומען איין עפל, און ער האט עס אויפגעגעסן. שפעטער האב ער אריינגעשיקט די פירות צום **בעלזער רב** דורכן גבאי, רבי שלום פויגל, און רבי שלום האט עס אראפגעלייגט אויפן טיש, און ער האט געזאגט, אז רבי אברהם האט געשיקט די פירות. דער **בעלזער רב** האט עס אזוי אנגעקוקט, און ער פרעגט דעם גבאי, נאר דאס האט ער געברענגט? האט רבי שלום געזאגט, יא, ער האט נישט געברענגט מער. נאכדעם האט רבי שלום געטראפן רבי אברהם, זאגט ער אים, איך האב אראפגעלייגט די פירות, און דער רב האט געפרעגט, צו נאר דאס האסטו געברענגט. האט רבי אברהם געזאגט, יא, איך האב געברענגט מיט איין עפל מער, אבער איך האב עס אויפגעגעסן. האט אים שלום געזאגט, נו, וואס ווילסטו יעצט, אז דער רבי זאל עסן דיין שיריים... - דער **בעלזער רב** האט מרגיש געווען, אז מען האט אים צוגענומען א עפל.

**נאכדעם** האט דער **טאלנער רבי** פארציילט, אז ער איז אמאל געקומען צום **בעלזער רב** כ"ג שבט, די יארצייט פונעם מיטלן **בעלזער רב**. און דער **בעלזער רב** ווען עס פלעגט קומען א אדם חשוב אין טאג פון א יארצייט וואס ער האט געפירט א סעודה, פלעגט ער אסאך מאל איינצולאדענען אז מען זאל בלייבען ביי די סעודה. האט דער **טאלנער רבי** פארשטאנען אז ער גייט אים מן הסתם איינלאדענען, אז ער זאל אנטיילנעמען ביי די סעודה. ער האט זיך אבער אוועקגעאיילט יענע נאכט, ער האט געהאט א משפחה שמחה אין א אנדערע געגענט אין ארץ ישראל. האט ער געזאגט פארן גבאי רבי שלום, אז ער זאל וויסן אז ער דארף זיך אוועקאיילען, און טאמער דער רב וועט אים רופן, בעהט ער פון רבי שלום, אז ער זאל זאגן פארן רב אז ער קען נישט בלייבען, ער זאל נישט דארפן אליין ענטפערן אז ער קען נישט בלייבען.

**וכן** הוה, דער **בעלזער רב** האט אים געזאגט ביים געזעגענען, **טאלנער רבי** עס איז היינט די יארצייט פונעם טאטן, מען פירט א טיש, ער זאל בלייבען צום טיש. האט שלום זיך אנגערופן, אז ער האט זייער וויכטיג אוועקצוגיין, און ער וועט נישט קענען בלייבען. זאגט דער **בעלזער רב** פארן **טאלנער רבי**, נו, אז מען דארף אוועקגיין קען מען דאך בלייבען ביי די התחלה פון די סעודה, און מען קען בענטשען, און מען קען אוועקגיין. מען מוז נישט בלייבען ביז צום סוף. און ער האט אים נאך געזאגט, דו האסט דאך א פראבלעם אוועקצוגיין אינמיטן די סעודה, האט ער אים געזאגט, איר זאלט זיך נישט וואשן צוזאמען מיטן גאנצן עולם, און מיטעסן די סעודה, און בענטשען און אוועקגיין.

**האט** דער **טאלנער רבי** געזאגט, איך בין געוועזן יונג, און איך האב געטראכט, האט דער רבי אזוי געזאגט, מען קען טון אנדערש אויך. ער האט דאך נישט געהייסען אז איך מוז בלייבען. און איך בין אוועקגעגאנגען און איך בין נישט געבליבן. אויפן וועג האט זיך געמאכט א געוואלדיגען טרעפי"ק, און איך בין אוודאי נישט אנגעקומען דארט וואו איך האב געוואלט אנקומען, איך בין אנגעקומען אהין שפעט ביינאכט, עס איז שוין געווען נאך חצות הלילה. און עס איז געווען א קליין דערפל, און דעמאלטס האט מען געהאט צוטון מיט די אראבערס, און עס איז געווען שומרים, און די איינוואוינערס האבן געהאט קאוד"ס וואס מען האט געזאגט, צו וויסן אז עס איז נישט א אראבער וואס וויל עפעס טון. איך האב נישט געוואוסט פון די אלע זאכן, איך בין געקומען אינמיטן די נאכט, און פון דערווייטענס האט יענער געזען איינער דרייט זיך ארום, מען האט מיך שיעור דערשאסען, ווייל איך האב נישט געוואוסט צו געבן די סימנים. - בין איך געוואר געווארן דעמאלטס, האט דער **טאלנער רבי** געזאגט, אז אויף א הוה אמינא וואס א רבי זאגט, דארף מען אויך האבן מסירת נפש.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**